# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת ראה, מברכים חודש אלול, כ"ה אב, אבות פרק ה', שנת תש"פ לפ"ק

שנה 9, גליון 47 (461)


**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות.................7:39
מוצאי שב"ק.................9:05

**שיעורים כסדרן**

נ"ך.........................יואל ב'-ג'
בבלי.........................עירובין ו'
ירושלמי.....................תענית ו'
תוספתא.....................יבמות ג'
רמב"ם..............עבודה זרה א'

## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

### וְשָׂמַחְתָּ לִפְנֵי ה' אֱלֹקֶיךָ

עֶס ווערְט דֶערְצֵיילְט דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' מְנַחֵם מֶענְדְל פוּן רִימְנוֹב זי"ע הָאט אִין דֶער יוּגְנְט גֶעלֶערְנְט זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא מִיטְ'ן רִי"ף, צַדִיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט דִי נְשָׁמָה פוּן דֶעם רִי"ף - רֶבִּי יִצְחָק אַלְפַסִי, אוּן עֶר הָאט אִים גֶערָאטְן עֶר זָאל פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן ר' אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זי"ע, אוּן דָארְטְן וֶועט עֶר הָאבְּן זַיין שְׁלֵימוּת הַתִּיקוּן.

ווידֶערְאוּם וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אַז אַמָאל זֶענֶען גֶעפָארְן אַ וָואגְן מִיט תַּלְמִידִים צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן ר' אֱלִימֶלֶךְ זי"ע, אוּן זֵיי זֶענֶען דוּרְכְגֶעפָארְן אַ וַואלְד, אוּן פְּלוּצְלוּנְג זֶעעֶן זֵיי אַ אִינְגֶערְמַאן שְׁטֵייט דָארְטְן אוּן טַאנְצְט אוּן אִיז זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, הָאבְּן זֵיי אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם וָואגְן, אוּן הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט, וָואס טוּסְטוּ דָא? אוּן וָואס אִיז דִי שִׂמְחָה וָואס דוּ פְרֵייסְט דִיךְ אַזוֹי? הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט, "עֶס אִיז שׁוֹין דֶער דְרִיטֶער טָאג וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעגֶעסְן וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וָואס צוּ עֶסְן, אוּן דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם ווִיל מִיךְ צוּבְּרֶעכְן אִיךְ זָאל אָפְּלָאזְן מַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, הָאבּ אִיךְ זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען אִיךְ וֶועל טַאנְצְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן דָאס דַאנְקֶען גָאט בָּרוּךְ הוּא אַז אִיךְ הָאבּ אַפֶּעטִיט וְכוּ' אוּן אִיךְ קֶען עֶסְן וְכוּ', אוּן לֵיידֶער זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הָאבְּן וָואס צוּ עֶסְן בְּשֶׁפַע נָאר זֵיי קֶענֶען נִישְׁט עֶסְן וָוארוּם זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר קְרַאנְק אוּן הָאבְּן נִישְׁט קַיין אַפֶּעטִיט צוּ עֶסְן וְכוּ', אוּן דַאנְקֶען גָאט אַז אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט", אוּן מִיט דֶעם אִיז עֶר זִיךְ מְחַיֶה.

הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים גְלַייךְ בַּאשְׁלָאסְן אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט, "דוּ בַּאלַאנְגְסְט צוּ אוּנְזֶער הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זי"ע", זֵיי הָאבְּן אִים אַרוֹיפְגֶענוּמֶען אוֹיף זֵייעֶר וָואגְן, אוּן הָאבְּן אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּם הֵיילִיגְן צַדִיק, וָואס הָאט אִים זֵייעֶר מְקָרֵב גֶעוֶוען, אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט, "אוֹיף דַיין נְשָׁמָה וַוארְט אִיךְ שׁוֹין זֵייעֶר זֵייעֶר לַאנְג" וְכוּ' וְכוּ', אוּן הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּ זַיינֶע הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת, וָואס עֶס ווערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז אִין זַיין צַייט הָאבְּן דִי אִידְן גֶעהַאט פַּרְנָסָה, וָוארוּם עֶר הָאט צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג יָאר גֶעזָאגְט תּוֹרָה יֶעדְן טָאג אוֹיף פַּרְשַׁת הַמָן, אוּן מִיט דֶעם הָאט עֶר מַשְׁפִּיעַ גֶעוֶוען פַּרְנָסָה פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוֹיף אַזוֹי וַוייט אַז עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אַז אִין דִי קְלֵיינֶע דֶערְפֶער ווִי דִי אִידְן הָאבְּן גֶעהַאט גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן וֶוען ס'אִיז נִישְׁט אַרַיינְגֶעקוּמֶען קַיין גוֹי'אִישֶׁע קוֹנִים הָאבְּן זִיךְ מַלְאָכִים פַארְשְׁטֶעלְט ווִי גוֹי'אִישֶׁע קוֹנִים אוּן זֶענֶען גֶעקוּמֶען קוֹיפְן בַּיי זֵיי סְחוֹרָה, אַזוֹי הָאבְּן אִידְן גֶעהַאט פַּרְנָסָה, קֶען מֶען זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדְל פוּן רִימְנוֹב זי"ע, אוּן צוּ דֶעם מַדְרֵיגָה אִיז עֶר צוּגֶעקוּמֶען נָאר דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ וֶוען עֶס אִיז אִים זֵייעֶר עֶנְג גֶעוֶוען, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וָואס מְחַיֶה זַיין זִיךְ נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט גֶעגֶעסְן דְרֵיי טֶעג פוּן אָרֶעמְקֵייט וְכוּ', נָאר אַז עֶר אִיז גֶעזוּנְט.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט וֶוען אַ אִיד אִיז זִיךְ מְחַיֶה אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע צַייטְן וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ, אוּן עֶר טְרֶעפְט דָאס גוּטְס אִין זַיינֶע צָרוֹת וְכוּ'. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצ"ה) דָאס דָוִד הַמֶלֶךְ, אִין זַיינֶע שְׁוֶוערְסְטֶע בִּיטֶערֶע צַייטְן וָואס אִיז אוֹיף אִים דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען, וָואס מֶען הָאט אִים גֶע'רוֹדְפְ'ט וְכוּ', אוּן לֵיצָנוּת גֶעמַאכְט פוּן אִים וְכוּ', הָאט עֶר גֶעזָאגְט (תְּהִלִים ד', ב') "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִי", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִין מַיינֶע צָרוֹת טְרֶעף אִיךְ הַרְחָבוֹת". הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, אַזוֹי דַארְף אַ אִיד זִיךְ פִירְן, אֲפִילוּ וֶוען ס'אִיז אִים זֵייעֶר עֶנְג, זָאל עֶר טְרֶעפְן הַרְחָבוֹת אִין זַיינֶע גְרוֹיסֶע צָרוֹת, אוּן דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר פָּטוּר וֶוערְן בַּיים סוֹף פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת.

<<<<<<

## מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### אַ טוֹבָה פַאר אַ אִיד

דִי גְרוֹיסְקֵייט אוּן חֲשִׁיבוּת פוּן אַ אִיד וָואס פְּרוּבִּירְט ווִי מֶער צוּ הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן, צוּ טוּן טוֹבוֹת פַאר אַ צְוֵוייטְן, קֶען מֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימְט זִיךְ מִיט אַזַא אִיד אִין אַלֶע וֶועלְטְן, זַיין שְׂכַר אִיז אוּמְשַׁאצְבַּאר, אוּן עֶר בְּרֶענְגְט מִיט דֶעם אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת אוּן הַשְׁפָּעוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט.

אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט מִיטְ'ן צַדִיק הרה"ק רֶבִּי נָחוּם טְשֶׁערְנָאבְּלֶער זי"ע, דֶער הֵיילִיגֶער "מָאוֹר עֵינַיִם", וָואס פוּן דֶעם קֶען מִיר זֶען דִי גֶעוַואלְדִיגֶע חֲשִׁיבוּת אִין הִימְל פוּן אַ אִיד וָואס טוּט טוֹבוֹת מִיט אַנְדֶערֶע אִידְן.

נָאךְ דִי הִסְתַּלְקוּת פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק, פְלֶעגְט עֶר וַוייטֶער אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט צוּ לֶערְנֶען מִיט זַיין זוּן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְכַי טְשֶׁערְנָאבְּלֶער זי"ע. אֵיינְמָאל אִיז אַרִיבֶּער אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס דֶער טַאטֶע אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען לֶערְנֶען מִיט אִים, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט פוּן דֶעם גְרוֹיס צַעַר. בִּיז אֵיין טָאג אִיז דֶער טַאטֶע נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען. עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט דֶערְצוּ אוּן עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט זַיין טַאטֶע'ן פַארְוָואס עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ אִים בִּיז יֶעצְט, הָאט אִים דֶער טַאטֶע גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען צוּ גָאר אַ הוֹיכֶע פְּלַאץ אִין גַן עֵדֶן, אוּן עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער אַרָאפּ צוּ קוּמֶען לֶערְנֶען מִיט אִים פוּן אַזַא הוֹיכֶע פְּלַאץ. הָאט אִים זַיין זוּן גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס יֶעצְט אִיז עֶר יָא אַרָאפְּגֶעקוּמֶען, הָאט אִים דֶער

<<<<<<

## א גוט ווארט

אִיר וֶועט פְרֶעגְן: "וִוי אַזוֹי שְׁטַארְקְט מֶען זִיךְ? וִוי אַזוֹי נֶעמְט מֶען כֹּחַ אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן?" דֶער עֶנְטְפֶער אִיז אַז מֶען אִיז זִיךְ מְבַטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רעט): "וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין גָאר בִּיטֶער אִיז מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵל", הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "אֵיךְ מְבַטְלִין עַצְמוֹ", וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מְבַטֵל? הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "מֶען פַארְמַאכְט זִיךְ דָאס מוֹיל אוּן דִי אוֹיגְן - דָאס אִיז בִּיטוּל", מֶען פְרֶעגְט נִישְׁט קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת: 'פַארְוָואס? פַארְוָואס מִיר גֵייט שְׁלֶעכְט? פַארְוָואס מִיר אִיז בִּיטֶער?' אַז מֶען פַארְמַאכְט נִישְׁט דָאס מוֹיל, מֶען רֶעדְט אוּן מֶען פְרֶעגְט קַשְׁיוֹת - דֶעמָאלְט וֶוערְט נָאר מֶער בִּיטֶער, אָבֶּער אַז מֶען אִיז זִיךְ מְבַטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זִיךְ, מֶען וֵוייסְט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין, דָאס הֵייסְט אַז מֶען פַארְמַאכְט דָאס מוֹיל, מֶען פְרֶעגְט נִישְׁט: 'פַארְוָואס? פַארְוָואס אִיךְ? פַארְוָואס דַארְף אִיךְ לַיידְן?' דוּרְכְדֶעם נֶעמְט מֶען אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים.

אַזוֹי אוֹיךְ דִי אוֹיגְן; מֶען פַארְמַאכְט דִי אוֹיגְן, דָאס מֵיינְט 'אִיךְ ווִיל גָארְנִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, אִיךְ פַארְמַאךְ דִי אוֹיגְן, אִיךְ פַארְמַאךְ מַיין שֵׂכֶל, אִיךְ בִּין זִיךְ מְבַטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וֵוייס אַז וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל נָאר גוּטְס טוּן מִיט מִיר', דֶעמָאלְט וֶוערְט מֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק אוּן מֶען קֶען אַסַאךְ פַארְטְרָאגְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה עֵקֶב תשי"פ)

## בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# דָאס לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז גֶעוָואנְדְן אִינֶעם מֶענְטְשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ג' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

אִיר שְׁרַייבְּט: "מַיין לֶעבְּן אִיז אֵיין שְׁטִיק לַיידְן צָרוֹת" אוּן אִיר פְרֶעגְט אוֹיבּ אֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן וֶועט וַוייטֶער זַיין אֵיין שְׁטִיק צָרוֹת; דָאס וֶוענְדְט זִיךְ אִין אַייךְ. עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וִוי אַזוֹי אִיר וֶועט נֶעמֶען אֵייעֶר לֶעבְּן, וִוי אַזוֹי אִיר וֶועט קוּקְן אוֹיפְ'ן לֶעבְּן.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט צוּפִיל פוּן אֵייעֶר לֶעבְּן, אָבֶּער דָאס וָואס אִיר שְׁרַייבְּט, אִיר רֶעכְנְט אוֹיס וָואס אִיר הָאט גֶעלִיטְן - מֵיין אִיךְ אַז אִיר זֶענְט נִישְׁט גֶערֶעכְט; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בַּאהִיטְן פוּן לַיידְן, אִיר זָאלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן וָואס מֵיינְט לַיידְן, וָואס מֵיינְט צָרוֹת.

וִויסְן זָאלְט אִיר, דָאס לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז גֶעוָואנְדְן אִינֶעם מֶענְטְשׁ; אַז מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אֱמוּנָה, מֶען חַזְרְ'ט אֱמוּנָה, מֶען וֵוייסְט אַז 'אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס פַאר מַיין גוּטְס' - דֶעמָאלְט אִיז דָאס לֶעבְּן זִיס אוּן גֶעשְׁמַאק, אָבֶּער אַז מֶען לֶעבְּט מִיט טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָל - דֶעמָאלְט אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קיט): "אֶפְשָׁר אִיז דָא אוֹיבְן אִין הִימְל אַ וֶועלְט וָואס הֵייסְט 'עוֹלָם הַזֶּה', וַוייל דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט דָא קַיין עוֹלָם הַזֶּה, דָא אִיז דֶער גֵיהִנוֹם אַלֵיינְס, יֶעדֶער אִיז פוֹל מִיט יִסוּרִים". אֲפִילוּ דִי גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים זֶענֶען פוֹל מִיט יִסוּרִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב ה, ז): "אָדָם לְעָמָל יוּלָּד קְצַר יָמִים וּשְׂבַע רֹגֶז", אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן זִיךְ צוּ מוּטְשֶׁען, אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט וֵויינִיג אוּן דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז פוֹל מִיט וֵוייטָאג. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת ב, כג): "גַּם כָּל יָמָיו כַּעַס וּמַכְאוֹבוֹת", דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז פוֹל מִיט כַּעַס אוּן וֵוייטָאג; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שוּם עֵצָה וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הֵייבְּטְס אָן קוּקְן אוֹיף דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אַייךְ. אִיר זֶענְט גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אִיר זֶענְט נִישְׁט אִין שְׁפִּיטָאל; אִיר הָאט אַלֶע אֵבָרִים גַאנְץ, דַאנְקְטְס אִים אוֹיף אַייעֶרֶע אוֹיגְן, אַייעֶרֶע אוֹיעֶרְן, נָאז, מוֹיל, הֶענְט אוּן פִּיס; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן עָשִׁי"ר: עַ'ינַיִם, שִׁ'נַיִם, יָ'דַיִם אוּן רַ'גְלַיִם, אַז מֶען הָאט דִי אֵבָרִים גַאנְץ אִיז מֶען רַייךְ.

אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיי אַ חֲתוּנָה פוּן אַן אֵיינִיקְל פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אוּן אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן (דֶעמָאלְט זֶענֶען גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעזוּכְט צוּ רֶעדְן צוּ מוֹהֲרָא"שׁ קֶעגְן דִי יְשִׁיבָה וְכוּ'), אִיךְ הָאבּ גֶעטַאנְצְן מִיט אַלֶעמֶען אָבֶּער אִינֶעוֵוייניג טִיף אִין מַיין הַארְץ בִּין אִיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, פְּלוּצְלוּנְג קוּמְט אַרַיין אַ אִיד אִינֶעם רִינְג אוּן כַאפְּט מִיר אָן, אִיךְ וִויל אִים אָנְכַאפְּן אָבֶּער אִיךְ טְרֶעף נִישְׁט זַיינֶע פִינְגֶער, אִיךְ דְרֵיי זִיךְ אוֹיס, אִיךְ קוּק אוּן אִיךְ זֶע אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין פִינְגֶער, נָאר אֵיין פִינְגֶער הָאט עֶר; אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט וִוי אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט נֶעמֶען, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט אַרוֹיסְגֵיין פוּנֶעם רִינְג אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט פַארְשֶׁעמֶען. אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן וַוייטֶער טַאנְצְן אוּן אִיךְ הֵייבְּן אָן טְרַאכְטְן: 'אֵיין מִינוּט, וָואס גֵייט פָּאר מִיט מִיר? פַארְוָואס בִּין אִיךְ צֶעבְּרָאכְן?! אִיךְ הָאבּ דָאךְ מַיינֶע צֶען פִינְגֶער'; אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט דֶעם מֶענְטְשׁ מִיר אוֹיפְצוּוָועקְן פוּן שְׁלָאף, אִיךְ זָאל אָנְהֵייבְּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ אַייךְ, אִיר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן נָאךְ אַבִּיסְל הָאט אִיר שׁוֹין לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער; אִיר זֶענְט גֶעזוּנְט אוּן אֵייעֶר מַאן אִיז גֶעזוּנְט, "וָואס פֶעלְט אַייךְ?" אֵיין זַאךְ פֶעלְט אַייךְ, אִיר זָאלְט אָנְהֵייבְּן קוּקְן אוֹיף דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אַייךְ; אִיר זָאלְט נֶעמֶען דֶעם תְּהִילִים אוּן אָנְהֵייבְּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִינְגֶען דִי גֶעזַאנְג וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזִינְגֶען וֶוען עֶר אִיז אַרִיבֶּער בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע צָרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה רְאֵה תש"פ)

>>>>>>

אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר, זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אֲפִילוּ סְ'אִיז דִיךְ אַזוֹי בִּיטֶער אוּן עֶנְג, עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע מַצָּבִים, בְּגַשְׁמִיּוּת, הָאסְט קַיין פַּרְנָסָה נִישְׁט, אוּן דוּ בִּיסְט פוֹל מִיט חוֹבוֹת וְכוּ' וְכוּ', אוּן בְּרוּחְנִיּוּת, עֶס גֵייט דִיר נִישְׁט דָאס דַאוֶוענֶען אוּן דָאס לֶערְנֶען וִוי דוּ ווִילְסְט וְכוּ', אוּן דוּ פַאלְסְט דוּרְךְ מִיט שְׁוֶוערֶע יְרִידוֹת וְכוּ', אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה אַרָאפְּצוּפַאלְן בַּיי זִיךְ, נָאר דַיְקָא וֶוען עֶס אִיז עֶנְג אוּן בִּיטֶער דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף דִי גוּטְס וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טוּט מִיט דִיר, אוּן זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן, "דַאנְקֶען גָאט וָואס אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט אוּן אִיךְ הָאבּ צְוֵויי פִּיס אוּן אִיךְ קֶען גֵיין וְכוּ', אוּן אִיךְ הָאבּ אוֹיגְן צוּ זֶען אוּן אַ מוֹיל צוּ אָטֶעמֶען אוּן צוּ עֶסְן וְכוּ'".

לֵיידֶער זֶענֶען דָא אַזוֹיפִיל סוֹבְלֵי חֳלָאִים וָואס זֵיי קֶענֶען נִישְׁט גֵיין וְכוּ', אוּן קֶענֶען נִישְׁט זֶען וְכוּ', אוּן זֵיי זֶענֶען בַּאהָאפְטְן צוּ אַלֶע עֶרְלֵיי מַאשִׁינֶען לֹא עָלֵינוּ, אוּן מִיט דֶעם וָואס דוּ וֶועסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין דִי שְׁוֶוערֶע מַצָּבִים, אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן אַרָאפְּוַוארְפְן, וֶועסְטוּ זֶען אַז אַלְצְדִינְג וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן בַּיים סוֹף, אוּן עֶס וֶועט דִיךְ גוּט זַיין.

הַלְוַאי זָאלְסְטוּ אַרַיינְלֵייגְן אִין דַיין הַארְץ דִי וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ צוּ דִיר, אוּן וֶועסְט אוֹיפְהֶערְן זִיךְ צוּ בַּאקְלָאגְן, נָאר דוּ וֶועסְט דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן אוֹיף דִי חֲסָדִים אוּן רַחֲמִים גְּמוּרִים וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טוּט מִיט דִיר, דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער אוּן זֵיי זֶענֶען אַלֶע גֶעזוּנְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם, נָאר עֶס אִיז דִיר עֶנְג אִין פַּרְנָסָה וְכוּ', אוּן עֶס אִיז דִיר עֶנְג בְּרוּחֲנִיּוּת, עֶס קוּמְט דִיר אָן שְׁוֶוער צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען וְכוּ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן בִּיסְטוּ זִיךְ מְחַיֶּה מִיט דִי חֲסָדִים וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טוּט מִיט דִיר, אִין דֶעם זְכוּת וָואס דוּ דֶערְהַאלְטְסְט זִיךְ אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע בִּיטֶערְסְטֶע צַייטְן וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין סוֹף כָּל סוֹף אַז עֶס וֶועט זִיךְ עֶפְעֶנֶען דִי שַׁעֲרֵי הָרַחֲמִים וְהַפַּרְנָסָה, אוּן עֶס וֶועט נִשְׁפָּע וֶוערְן אוֹיף דִיר אַלֶע הַשְׁפָּעוֹת טוֹבוֹת.

(אֲשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ מִכְתָּב רנ"ג)

>>>>>>

טַאטֶע דֶערְצֵיילְט וָואס דָא הָאט פַּאסִירְט.

אִין דִי שְׁטָאט בַּארְדִיטְשׁוּב הָאט גֶעלֶעבְּט אַ אִיד מִיטְ'ן נָאמֶען ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוֹחֵט אַ יְרֵא שָׁמַיִם, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט צוּ הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע אִידְן, שְׁטֶענְדִיג צוּ טוּן טוֹבוֹת פַאר מֶענְטְשְׁן וִויפִיל עֶר הָאט נָאר גֶעקֶענְט.

אֵיינְמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ יְרִיד אִין שְׁטָאט, אוּן וֶוען ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען דֶעם יְרִיד הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי מֶענְטְשְׁן לוֹיפְן בְּרֶענְגֶען וַואסֶער אוּן גִיסְן אָן אֵיינֶעם. מֶען הָאט גֶעבְּרֶענְגְט נָאךְ אוּן נָאךְ וַואסֶער אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ גִיסְן אוּן גִיסְן. עֶר הָאט זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט וָואס עֶס גֵייט פָאר, אוּן מֶען הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַז דָא אִיז אַ אִיד וָואס אִיז גֶעקוּמֶען פִירְן גֶעשֶׁעפְטְן, עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאט אָפְּגֶעשְׁפָּארְט צְוֵויי הוּנְדֶערְט גוּלְדְן, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט נָאךְ צְוֵויי הוּנְדֶערְט גוּלְדְן וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַיינְגֶעשְׁטֶעקְט בַּיי אִים אִין גֶעשֶׁעפְט, אוּן אוֹיסֶער דֶעם הָאט עֶר נָאךְ צוּגֶעבָּארְגְט נָאךְ צְוֵויי הוּנְדֶערְט גוּלְדְן, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעהַאט אַ סַךְ הַכֹּל פוּן זֶעקְס הוּנְדֶערְט גוּלְדְן מִיט וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען דָא צוּם יְרִיד מַאכְן גֶעשֶׁעפְטְן, הָאפֶענְדִיג מַצְלִיחַ צוּ זַיין.

אָנְקוּמֶענְדִיג אָבֶּער הַיינְט צוּם יְרִיד, הָאט מֶען אִים גֶעגַנְבְ'ט דָאס גַאנְצֶע סְכוּם גֶעלְט. דֶער אִיד הָאט גֶע'חַלֶשְׁ'ט פוּן גְרוֹיס צַעַר, אִין אֵיין מִינוּט הָאט עֶר פַארְלוֹירְן זַיין גַאנְצֶע פַארְמֶעגְן, עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ בְּלוּטִיגֶער אָרִימַאן, אוּן נָאךְ אוֹיךְ אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל חוֹב. מֶען פְּרוּבִּירְט צוּ גִיסְן וַואסֶער עֶר זָאל זִיךְ דֶערְוֶועקְן, אָבֶּער וִוי נָאר עֶר דֶערְוֶועקְט זִיךְ אוּן דֶערְמַאנְט זִיךְ פוּן זַיין גְרוֹיסֶע צָרָה, פַאלְט עֶר נָאכְאַמָאל חַלָשׁוּת, אוּן עֶר קֶען נִישְׁט קוּמֶען צוּ זִיךְ. מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט אִים.

ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ אִיז גְלַייךְ צוּגֶעלָאפְן צוּ דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס פְרֵייד אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ גְרוֹיסֶע סְכוּם גֶעלְט אוּן עֶס קֶען זַיין אַז דָאס אִיז דָאס פַארְלוֹירֶענֶע גֶעלְט, "גֶעבּ מִיר נָאר גוּטֶע סִימָנִים, אוּן אִיךְ וֶועל דִיר עֶס צוּרִיק גֶעבְּן". דֶער אִיד הָאט מַמָּשׁ אוֹיפְגֶעלֶעבְּט וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט, עֶר הָאט זִיךְ גְלַייךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן גֶעבְּן סִימָנִים אַז דָאס גֶעלְט אִיז גֶעלִיגְן אִין אַ רוֹיטְן בַּייטְל, עֶס הָאט גֶעהַאט אַזוֹיפִיל הוּנְדֶערְטֶער'ס אוּן אַזוֹיפִיל צְוָואנְצִיגֶער'ס, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז וִוי עֶס זֶעט אוֹיס הָאט עֶר טַאקֶע גֶעפוּנֶען דָאס פַארְלוֹירֶענֶע גֶעלְט, עֶר גֵייט אַהֵיימְגֵיין אוּן עֶס אִיבֶּערְקוּקְן, אוּן אוֹיבּ עֶס שְׁטִימְט דִי סִימָנִים בְּרֶענְגְט עֶר עֶס גְלַייךְ צוּרִיק.

דֶער ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ הָאט גֶעהַאט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט גֶעלְט אוֹיף צוּ חֲתוּנָה מַאכְן זַיינֶע קִינְדֶער, עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען אוּן אִיבֶּערְגֶעצֵיילְט דָאס גֶעלְט אוּן גֶעזֶען אַז עֶר פַארְמָאגְט טַאקֶע זֶעקְס הוּנְדֶערְט גוּלְדְן, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעטוֹישְׁט דִי גֶעלְטֶער אַז סְ'זָאל שְׁטִימֶען מִיט דֶעם אִידְ'ס סִימָנִים, אוּן עֶר אִיז גֶעלָאפְן אוּן עֶס גֶעבְּרֶענְגְט פַארְ'ן אִיד. דֶער אִיד הָאט אוֹיפְגֶעלָאכְטְן אוּן זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקְט פַאר ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ וָואס הָאט אִים מַמָּשׁ גֶערַאטֶעוֶועט.

צְוִוישְׁן דִי פַארְזַאמֶעלְטֶע מֶענְטְשְׁן אַרוּם זֵיי, הָאט זִיךְ אוֹיךְ גֶעפוּנֶען דֶער אֱמֶת'ֶער גַנָּב וָואס הָאט לַיידֶער זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאהֶערְשְׁן אוּן עֶר הָאט גֶע'גַנְבְ'ט דָאס גֶעלְט פוּן יֶענֶעם אִיד. וֶוען דֶער גַנָּב הָאט אָבֶּער גֶעזֶען דָאס מְסִירַת נֶפֶשׁ פוּן ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ וָואס גֶעבְּט אַוֶועק זַיין אֵייגְן אוֹיסְגֶעהָארֶעוֶועטֶע גֶעלְט נָאר כְּדַאי פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן אַ אִיד, אוּן עֶר הָאט דָאךְ גֶעוואוּסְט דֶעם אֱמֶת אַז ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ הָאט נִישְׁט גֶעטְרָאפְן דָאס גֶעלְט, וַוייל דָאס גֶעלְט אִיז גֶעלִיגְן בַּיים גַנָּב אִין טַאשׁ, אִיז אַרַיין אִין אִים אַן אֱמֶת'ֶע הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן זִיךְ מִתְוַדֶּה גֶעוֶוען פַארְ'ן גַאנְצְן עוֹלָם אַז עֶר הָאט גֶע'גַנְבְ'ט דָאס גֶעלְט אוּן עֶר וִויל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן דָא גֶעבְּט עֶר עֶס צוּרִיק.

ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ הָאט זִיךְ נִישְׁט וִויסֶענְדִיג

<<<<<<

>>>>>>

גֶעמַאכְט, נָאר עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט עֶס גֶעטְרָאפְן אוּן עֶר הָאט עֶס יֶעצְט צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט. אוּן עֶס הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ גְרוֹיסֶע קְרִיגֶערַיי. ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ הָאט גֶעשְׁרִיגְן אַז עֶר הָאט עֶס גֶעטְרָאפְן אוּן וִויל עֶס צוּרִיק גֶעבְּן... אוּן דֶער צְוֵוייטֶער הָאט גֶעשְׁרִיגְן אַז עֶר הָאט עֶס גֶע'גַנְבְ'ט אוּן וִויל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן עֶס צוּרִיק גֶעבְּן... בֵּיידֶע הָאבְּן נָאר גֶעוָואלְט אַז דֶער אִיד זָאל נֶעמֶען דָאס גֶעלְט פוּן זֵיי. הָאט מֶען אָפְּגֶעמַאכְט אַז מֶען וֶועט גֵיין צוּם רָב אִין שְׁטָאט, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בַּארְדִיטְשׁוּבֶער זי"ע, אַז עֶר זָאל פַּסְקְ'עֶנֶען דִי דִין תּוֹרָה.

וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן פָארְגֶעלֵייגְט זֵייעֶרֶע טַעֲנוֹת, אִיז דֶער צַדִּיק מוֹרָא'דִיג צוּפְלַאמְט גֶעוָוארְן, אוּן עֶר הָאט גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע מְלִיצוֹת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַזוֹי וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, קוּק נָאר אָן דַיין טֵייעֶרֶע פָאלְק דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער. מִי כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל, וואוּ אִיז נָאךְ דָא אַזַא פָאלְק וִוי דִי אִידְן, צְוֵויי אִידְן קְרִיגְן זִיךְ וֶוער עֶס זָאל הָאבְּן דִי זְכִיָּ' אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן אִיד אוּן אִים צוּרִיק גֶעבְּן זַיין גֶעלְט אַז עֶר זָאל וֶוערְן פְרֵיילִיךְ. אִיז נָאךְ דָא אַזַא פָאלְק אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט?"

דֶער צַדִּיק הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיר זָאלְט ווִיסְן אַז אֵייעֶר דִין תּוֹרָה הָאט גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסְן רַעַשׁ אִין אַלֶע הִימְלֶען. אוּן יֶעצְט גֵייט אוּן מַאכְט אַ פְּשָׁרָה צְווִישְׁן אַייךְ, אוּן דִי זְכוּת וֶועט זַיין פַאר יֶעדְן".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָחוּם טְשֶׁערְנָאבְּלֶער זי"ע הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּן: "יֶעצְט אִיז דֶער ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן, אוּן מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעטְרִיבְּן אַלֶע צַדִּיקִים פוּן גַן עֶדֶן אַז מֶען זָאל אִים גֵיין מְקַבֵּל פָּנִים זַיין, אוּן אוֹיפְנֶעמֶען דֶעם טֵייעֶרְן אִיד וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן אַ צְוֵוייטְן אִיד, וָואס הָאט שְׁטֶענְדִיג זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט צוּ טוּן טוֹבוֹת פַאר מֶענְטְשְׁן, אוּן אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ סַיי וִוי גֶעמוּזְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן גַן עֶדֶן הָאט אִיךְ גֶעקֶענְט קוּמֶען נָאכְאַמָאל צוּ דִיר, אָבֶּער לִכְאוֹרָה וֶועל אִיךְ פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער נִישְׁט קֶענֶען מֶער קוּמֶען לֶערְנֶען מִיט דִיר"

זֶעט מֶען פוּן דֶעם דִי גְרוֹיסֶע מַעֲלָה פוּן אַ אִיד וָואס הֶעלְפְט אַ צְוֵוייטְן. וואוּיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה שְׁטֶענְדִיג צוּ טוּן טוֹבוֹת פַאר אִידְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ טוֹבוֹת)

---

>>>>>>

דאן האט ער ווידער איבעראשט דעם עולם מיט א ספעציעלער נייער ניגון וואס ער האט יעצט פארפאסט לכבוד דעם מעמד, אויף די שיחה פון הייליגן רבי'ן (שיחות הר"ן סימן ע"ו) "שאין צריכין בלימוד רק האמירה לבד, לומר הדברים כסדר, כי מעלת ריבוי הלימוד עולה על הכל".

נאכ'ן בענטשן ברכת המזון, איז דער גרויסער עולם זיך צעגאנגען מיט גרויס התרגשות פון דעם גאר הערליכן מעמד.

**שישו ושמחו בשמחת התורה!**

***

## סיום מסכת שבת אין היכל הקודש ירושלים

דעם מאנטאג נאכט זענען זיך צוזאמגעקומען אנשי שלומינו תלמידי היכל הקודש פון איבער גאנץ ארץ ישראל, צו גאר א הערליכע סיום מסכת שבת, אין די זאלן פון "אייז" אין ירושלים.

דאס איז געווען גאר א גרויסע התרגשות פאר פילע תלמידים פונעם ראש ישיבה אין ארץ ישראל, זיך צוזאמצונעמען צום ערשטן מאל אויף אזא גרויסן און שיינעם פארנעם.

נאך מעריב האט מען זיך געוואשן צו א רייכע שיינע סעודה, ביים אריינגאנג צום זאל איז אויפגעשטעלט געווארן א טישל צו פארקויפן די ספרים "עצתו אמונה, "אשר בנחל", און נאך פילע ספרים און קונטרסים וואס זענען יעצט ארויס פון דרוק.

אויף די טישן זענען געווען אויסגעטיילט "פראגע בויגנס", אין וואס דער עולם איז געבעטן געווארן אריינצושרייבן זייערע געדאנקען ווי אזוי זיך צוזאמצונעמען יעדע וואך אין חבורות זיך מחזק צו זיין מיט עצות פון הייליגן רבי'ן, און ווי אזוי צו צעשפרייטן די לימודים פון הייליגן רבי'ן איבער גאנץ ארץ ישראל. פון די ענטפערס פונעם עולם האט ארויסגעוויזן די גרויסע חשק וואס הערשט ביי אנשי שלומינו זיך צו שטארקן אינאיינעם און אויך איבערגעבן די לימודים פאר גאנץ כלל ישראל.

ביי די סעודה האט מען געהערט דברי חיזוק פון הרה"ח ר' שלמה ברוך בלוי שליט"א, וואס האט שטארק מחזק געווען אויף לימוד התורה אין סיי וועלכע מצב מ'געפונט זיך נאר.

דערנאך האט מען מסיים געווען די מסכתא און מ'האט זיך ארויסגעלאזט אין פייערליכע טענץ צו דאנקען דעם אייבערשטן אויף זיינע גרויסע חסדים אז מ'איז זוכה צו שעפן פונעם נחל נובע מקור חכמה, אויפ'ן וועג פון מוהרא"ש זי"ע, אזוי ווי דער ראש ישיבה שליט"א לערנט אונז.

דערנאך האט מען זיך אראפגעזעצט אויף די פלעצער, און דאן איז געקומען דער הויכפונקט פונעם מעמד, ווען מ'האט געהערט דברות קודש פון ראש ישיבה שליט"א, וואס האט עס ספעציעל געשיקט געווארן לכבוד דעם מעמד. די הייליגע ווערטער האבן גאר שטארק מחזק געווען אלע פארזאמלטע זיך צו שטארקן און לערנען די הייליגע תורה יעדן טאג.

דערנאך האט מען געבענטשט, און מ'איז אהיימגעגאנגען מיט פרישע שטארקע פאראייניגטע כוחות ווייטער צו גיין אין די וועגן פון הייליגן רבי'ן.

**ובהם נהגה יומם ולילה!**

***

## סיום מסכת שבת אין היכל הקודש קאנאדא

דעם מיטוואך זענען זיך צוזאמגעקומען אנשי שלומינו תלמידי היכל הקודש אין קאנאדא, צו א שיינע סיום מסכת שבת, אין קרית טאהש, וואו מ'האט מסיים געווען די מסכתא, און גלייכצייטיג זיך מחזק געווען אינאיינעם מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן.

ביי די סעודה איז אויפגעשפילט געווארן די דרשות פון ראש ישיבה שליט"א וואס ער האט געגעבן פאר די סיומים אין ליבערטי און אין ירושלים, פון וואס דער עולם האט זיך זייער מחזק געווען.

פילע ארטיגע אידן האבן זיך באטייליגט ביים שיינעם סיום, און זענען ארויס מיט פילע הויפענעס חיזוק און התעוררות.

**כי הם חיינו ואורך ימינו!**

---



# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## וִוי אַזוֹי קֶען מֶען צֶערַייסְן דֶעם הֵיילִיגְן גִלְיוֹן?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט לֶעצְטְנְס אַ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶערֶעדְט אִיבֶּער דֶעם "גִלְיוֹן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ", הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעוָואלְט בַּאדַאנְקֶען פַארְ'ן גִלְיוֹן, אוּן זֵייעֶר בֶּעטְן אַז מְ'זָאל וַוייטֶער שְׁרַייבְּן אַזוֹי וִוי בִּיז יֶעצְט, דָאס אִיז מַיין גִלְיוֹן, דָאס הָאט גֶערַאטֶעוֶועט מַיין לֶעבְּן.

טַאקֶע יֶענֶער גִלְיוֹן [פַּרְשַׁת נֹחַ תשע"ט] וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶערֶעדְט דֶערְפוּן, וואוּ סְ'אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דֶער בְּרִיוו אִיבֶּער אַ קִינְד וָואס דֶער שָׁכֵן הָאט אִים אָנְגֶערִירְט נִישְׁט בִּצְנִיעוּת, הָאט גֶערַאטֶעוֶועט מַיין מִשְׁפָּחָה.

וֶוען אִיךְ קוּם אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּם שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ קוֹים כֹּחַ צוּ דַאוֶוענֶען, אִיךְ קֶען נִישְׁט קוּקְן קַיין גִלְיוֹנוֹת, אָבֶּער אֵיין שַׁבָּת נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען וִוי מַיין 9 יֶערִיג אִינְגְל אִיז זֵייעֶר בְּלַאס אוּן דֶערְשְׁרָאקְן, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעפְרֶעגְט צִי עֶר פִילְט נִישְׁט גוּט, הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט אַז אַלֶעס אִיז גוּט, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעזֶען אַז עֶפֶּעס טוֹיג נִישְׁט, הָאבּ אִיךְ אִים גֶערוּפְן פְּרִיוַואט אִין דִי זַייט אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס גֵייט פָאר, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט נָאר אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן טַאשׁ דֶעם גִלְיוֹן, עֶס אִיז גֶעוֶוען גֶעקְנֵייטְשְׁט צוּ דֶעם בְּרִיוו, אוּן עֶר וַוייזְט מִיר עֶס.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ פַארְטִיפְט אִין דֶעם בְּרִיוו אוּן סְ'אִיז מִיר שְׁלֶעכְט גֶעוָוארְן, אָבֶּער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט אִיז מִיר גוּט גֶעוָוארְן, אַז אִיךְ בִּין גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן וָואס גֵייט פָאר. בָּרוּךְ ה' אַז סְ'אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אָנְהוֹיבּ פוּן אַ מַעֲשֶׂה, וָואס וָואלְט זִיךְ גֶעקֶענְט צִיעֶן לַאנְג אוּן זִיךְ עֶנְדִיגְן גֶעפֶערְלִיךְ, בָּרוּךְ ה' אַז מְ'הָאט עֶס גֶעקֶענְט מְסַדֵר זַיין בַּאצַייטְנְס אוּן גֶערַאטֶעוֶועט מַיין זוּן.

זַייט דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים, אוּן מַיין גַאנְצֶע שְׁטוּבּ הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט. יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אוֹיפְ'ן שִׁיעוּר אַז סְ'דָא מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁרֵייעֶן אוֹיפְ'ן גִלְיוֹן אַז סְ'אִיז נִיבּוּל פֶּה, דֶערִיבֶּער וִויל אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן בְּרַחֲמִים אִיר זָאלְט זֵיי לָאזְן וַוייטֶער שְׁרֵייעֶן, אָבֶּער אִיר זָאלְט וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט צוּ רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן טוֹיט. וִוי גֶערֶעכְט זֶענְט אִיר אַז נָאר אַ מְנֻוָּל וֶועט שְׁרֵייעֶן אוֹיף דֶעם, וַוייל עֶר הָאט מוֹרָא מְ'וֶועט אִים כַאפְּן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט אוֹיס דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מְנֻוָּלִים, זֵיי זָאלְן נִישְׁט לָאזְן קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן טוּן מִיט זֵיי עֲבֵירוֹת. עֶס לִיגְט אַ פְלִיכְט אוֹיף עֶלְטֶערְן מְחַנֵךְ צוּ זַיין דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין הֵיילִיג; אַז מֶען גְרֵייט אָן דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן לֶעבְּן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם הָאט מֶען שְׁפֶּעטֶער שֵׁיינֶע נַחַת, זֵיי וַואקְסְן אוֹיף עֶרְלִיכֶע אִידְן.

לֵיידֶער בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים לֶעבְּן מִיר אִין אַ דוֹר פוּן הֶפְקֵרוּת, מֶען הָאט גֶעגֶעבְּן פַארְ'ן יֵצֶר הָרַע אַזֶעלְכֶע כּוֹחוֹת הַטוּמְאָה, עֶר שְׁנַיידְט שְׁטִיקֶער פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער. מֶען נֶעמְט אוּמְשׁוּלְדִיגֶע קִינְדֶער אוּן מֶען פַארְכַאפְּט זֵיי אִין עֲבֵירוֹת. מֶען נֶעמְט אַוֶועק זֵייעֶר פוּנְדַאמֶענְט, זֵייעֶר יְסוֹד; זֵיי פַאלְן אִין קְדוּשָׁה אוּן זֶענֶען פּוֹגֵם בִּבְרִית, מִיט דֶעם הַרְגְ'עֶט מֶען זֵייעֶר עָתִיד.

קֶעגְן דִי טוּמְאָה וָואס אִיז דָא הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז גֶעשִׁיקְט אַ צַדִּיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר אִיז לוֹחֵם מִיטְ'ן סַמַ"ךְ מֶ"ם; עֶר אִיז מַכְנִיעַ דִי טוּמְאָה אוּן רַאטֶעוֶועט אוּנְז פוּן פַארְכַאפְּט וֶוערְן בַּיי דִי קְלִיפּוֹת.

דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן קְדוּשַׁת הַבְּרִית וַוייל אַז דֶער יְסוֹד אִיז גוּט, דֶער פוּנְדַאמֶענְט אִיז שְׁטַארְק - קֶען מֶען בּוֹיעֶן שֵׁיינֶע בִּנְיָנִים, אָבֶּער אַז דֶער יְסוֹד אִיז צֶעבְּרָאכְן קֶען מֶען נִישְׁט בּוֹיעֶן, דֶערִיבֶּער הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי פַארְלֵייגְט צוּ פַארְרֶעכְטְן דֶעם יְסוֹד כְּדֵי מִיר זָאלְן קֶענֶען זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

קֶעגְן דֶעם קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרַע אוּן פַארְדֶעקְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר מַאכְט חוֹזֶק פוּן רֶבִּי"ן מִיט הוֹצָאַת שֵׁם רָע, מֶען רֶעדְט כָּל דָבָר אָסוּר אוֹיפְ'ן רֶבִּי"ן אוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים. שׁוֹין אִיבֶּער פוּפְצִיג יָאר וָואס מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט, דְרוּקְט אוּן פַארְפְלֵייצְט סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים צוּ וַוייזְן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט דִי וֶועג פוּן לֶעבְּן, אַז מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוּן מֶען קֶען זִיךְ צוּרִיק קֶערְן פוּן וואוּ מֶען אִיז

<<<<<<





**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים, אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה"**

**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 3# 718-387-2691**


BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

אַרַיין גֶעפַאלְן, זֶענֶען גֶעקוּמֶען מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם מֶלֶךְ הָאַכְזָר (עַיֵין סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג - פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס) אוּן גֶעמַאכְט גֶעשְׁפֶּעט אוֹיף דִי סְפָרִים, אַז מֶען דַארְף דָאס צֶערַייסְן, מֶען דַארְף דָאס פַארְבְּרֶענֶען אוּן מֶען טָאר נִישְׁט אַרַיין קוּקְן אִין דִי סְפָרִים. מֶען דַארְף שְׁרַייעֶן "גְּיוַואלְד!" וִוי מֶעג מֶען צֶערַייסְן דִי סְפָרִים? וִוי מֶעג מֶען צֶערַייסְן דִי קוּנְטְרֵסִים וָואס רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער?!

נֵיתֵי סֵפֶר וְנֶחֱזֶה, לָאמִיר אַרַיין קוּקְן וָואס שְׁטֵייט אִין דִי סְפָרִים, וָואס שְׁטֵייט אִין דִי קוּנְטְרֵסִים? דָאס אִיז דָאךְ רֵיין יִרְאַת שָׁמַיִם, דָאס אִיז דָאךְ רֵיין קְדוּשָׁה; וִוי מֶעג מֶען רֶעדְן אוֹיף דִי סְפָרִים וָואס זֶענֶען מְגַלֶּה פַאר אַלֶעמֶען דִי אֱמוּנָה?!

וֶוער צֶערַייסְט דִי גִּלְיוֹנוֹת? וֶוער צֶערַייסְט דִי סְפָרִים? נָאר אַ בַּעַל עֲבֵירָה, נָאר אֵיינֶער וָואס לִיגְט אִין נִיאוּף; אַנְדֶערְשׁ וָואלְט דָאךְ יֶעדֶער טַאטֶע גֶעדַארְפְט לֶערְנֶען דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ הִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס, דִי בְּרִיוּן וָואס מִיר הָאבְּן פַארְשְׁפְּרֵייט אִינֶעם גִלְיוֹן וָואלְט מֶען גֶעדַארְפְט לֶערְנֶען מִיט אַלֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס.

דָאס אִיז נִיבּוּל פֶּה? דָאס אִיז נִישְׁט אֵיידְל?! נִיבּוּל פֶּה אִיז וָואס טוּט זִיךְ בַּיי דִי טוּנְקֶעלֶע שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת תּוֹרָה'ס וֶוען מֶען פַארְלֶעשְׁט דִי לֶעקְטֶער, וואו זֶענֶען דֶעמָאלְט דִי קִינְדֶער? וָואס טוּעֶן זֵיי?! אֶפְשָׁר אִיז עֶר יֶעצְט בַּיי אַ מְנֻוָּל אִין שׁוּיס, אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען שְׁרַייעֶן גְּיוַואלְד! אָדֶער אִין דִי לַאנְגֶע פְרַייטָאג נָאכְמִיטָאגְס אוּן לַאנְגֶע שַׁבָּתִים - וואו זֶענֶען דִי קִינְדֶער וֶוען דִי עֶלְטֶערְן שְׁלָאפְן? אֶפְשָׁר טוּט עֶר יֶעצְט נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר וֶועט זִיךְ נֶעבֶּעךְ מוּטְשֶׁען זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן? אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען שְׁרַייעֶן גְּיוַואלְד! אַ גִלְיוֹן וָואס בְּרֶענְגְט יִרְאַת שָׁמַיִם, וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין טָהֳרָה - דָאס אִיז נִישְׁט אֵיידְל?!

אַזוֹי גֵייט דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ, מֶען צֶערַייסְט דִי סְפָרִים, מֶען פְּרוּבִּירְט צוּ פַארְדֶעקְן דִי לִיכְטִיגְקֵייט. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ז', מִזְּבוּב וְעַכָּבִישׁ) פַאר זַיין נְשָׁמָה אִיז אַרָאפּ גֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, הָאט דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם גֶעשְׁרִיגְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אוֹיבּ דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט, פַארְוָואס הָאסְטוּ מִיר בַּאשַׁאפְן?" הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דִי נְשָׁמָה מוּז אַרָאפּ קוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, דוּ גֵיי אוּן זוּךְ דִיר אַן עֵצָה", אִיז עֶר אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אוּן שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר צוּרִיק גֶעקוּמֶען מִיט אַן אַלְטִיטְשְׁקְן אַן אַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶעם, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט: "דִי נְשָׁמָה קֶען שׁוֹין אַרָאפּ גֵיין, מִיר הָאבְּן שׁוֹין אַן עֵצָה"; מוֹהֲרַא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט (בְּסֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן): "וָואס אִיז זֵייעֶר עֵצָה, וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעטְרָאפְן? לַאכְן - מֶען לַאכְט פוּנֶעם רֶבִּי'ן, אוּן מֶען שְׁפֶּעט אָפּ פוּן דִי סְפָרִים". אָבֶּער עֶס וֶועט אִים שׁוֹין גָארְנִישְׁט נִיצְן, מֶען זֶעט וִוי דֶער רֶבִּי נֶעמְט אַיין דִי וֶועלְט, אַלֶע זָאגְן הַיינְט קְלָאר אַז דֶער רֶבִּי אִיז דֶער וָואס הַאלְט אוּנְז בַּיים לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה רְאֵה תש"פ)


# אומאן ראש השנה!

אלע אייערע געברויכן פאר אומאן

עירליין טיקעטס; טרעוול אינשורענס; און נאך

~ בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס ~

אייער פריינד

אלי קנאלל

718-506-4341

Plan it Rite

Travel the right way


## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# הערליכער מעמד "ש"ס איד" - סיום מסכת שבת

אנשי שלומינו זענען נאך טיף באאיינדרוקט פון דעם הערליכן מעמד "ש"ס איד", די וואך זונטאג, ווען מ'האט אינאיינעם מסיים געווען מסכת שבת און אנגעהויבן מסכת עירובין, און גלייכצייטיג געפראוועט דעם "חנוכת הבית" פאר'ן נייעם בנין המוסדות פון די ברסלב'ע שטאט אין ליבערטי.

זונטאג נאכמיטאג האבן הונדערטער אידן אנגעהויבן שטראמען צום נייעם פראכטפולן בנין המוסדות אין ליבערטי, ספעציעלע פארקינג איז צוגעשטעלט געווארן נישט ווייט פון זאל, און בליץ שנעל איז דער זאל איבערגעפולט געווארן עד אפס מקום.

דער עולם האט זיך געוואשן צו די רייכע סעודה, און די טאלאנטפולע זינגערס פון די "הלווים" קווייער האבן מהנה געווען דעם עולם.

דער אויבן אן איז באשיינט געווארן דורך דעם ראש ישיבה שליט"א, און נעבן אים האט ער געזעצט די אלע תלמידים וואס לערנען פאר יעדן טאג דעם בלאט גמרא, יעדער איינער אין זיין שטאט.

דער יושב ראש, הר"ר מרדכי אינדיג, האט געעפנט דעם מעמד, און מיט טרעפליכע ווערטער ארויסגעברענגט די שמחה פון אלע פארזאמלטע, נאך אזויפיל חדשים וואס מ'האט נישט אויסגעלאזט קיין איין טאג אן א בלאט גמרא, האט מען יעצט זוכה געווען מסיים צו זיין די גאנצע מסכתא, און מ'איז ווייטער ממשיך אנצוהויבן מסכת עירובין.

דערנאך האט גערעדט הר"ר יונה זינגער שליט"א, מרבני כולל היכל הקודש ברסלב, וואס האט גאר שיין ארויסגעברענגט אז דער טאג איז א יום טוב פאר אונז אלע, און יעדער זאל נעמען די גמרא פאר זיך אליין, נישט קוקן אויף א צווייטן, יעדער זאל לערנען אויף זיין אופן, ווי אזוי ער קען, און אזוי וועט מען זייער מצליח זיין.

דאן האט מען געהערט א שיינע דרשה פון הר"ר אהרן וועבערמאן, וואס האט גערעדט איבער די צענדליגע טויזנטער אידן איבער די וועלט וואס האלטן מיט די שיעורים פון ראש ישיבה, און דאס האט זיי געברענגט זיך צוצוכאפן צום סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי'ן, און אזוי זענען זיי אויך יעצט זוכה מסיים צו זיין מסכת שבת. ער האט ארויסגעברענגט די גרויסקייט פון הפצה, צו פארשפרייטן דעם הייליגן רבינ'ס עצות איבער די גאנצע וועלט, און אזוי וועט מען קענען צוריק ברענגען יעדן צום אייבערשטן.

דערנאך האט מען געהערט שיינע געדאנקען פון הר"ר מעכל ראזענפעלד, וואס האט מיט זיינע שיינע משלים ערקלערט אז יעדער איד קען זוכה זיין צו לערנען יעדן טאג א בלאט גמרא, אנשטאט צו מאכן חשבונות און פלענער ווען און ווי אזוי מ'גייט עס טון, זאל מען ענדערש טון צו די זאך, עפענען די גמרא, און אפזאגן דעם בלאט.

דאן איז ר' חיים מאיר ערפס ארויפגעקומען אויפ'ן בימה, און געזינגען שיינע גראמען, פארפאסט ספעציעל לכבוד דעם מעמד, פון וואס דער עולם האט גאר שטארק הנאה געהאט.

דערנאך האט הר"ר יעקב לעזער שליט"א מסיים געווען די מסכתא און געזאגט קדיש. און גלייך נאכדעם האט דער גאנצער עולם זיך ארויסגעלאזט אין פייערליכע טענץ, צו דאנקען דעם אויבערשטן אז מ'איז מקורב צום הייליגן רבי'ן, און אז מ'איז זוכה צו לערנען תורה יעדן טאג.

נאכ'ן טאנצן האט א שטילקייט ארומגענומען דעם זאל ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אויפגעשטעלט זאגן דברות קודש. דער ראש ישיבה האט געדאנקט דעם אייבערשטן אויף דעם נייעם בנין וואס מ'האט באקומען פאר די מוסדות, און ארויסגעברענגט אז דער עיקר דארף מען זיך פארלייגן אויף די חינוך פון די קינדער, און דאן וועלן זיי שוין אויפוואקסן ערליכע אידן פאר זייער גאנץ לעבן. דער ראש ישיבה האט מעורר געווען אז מיט'ן רבינ'ס סדר דרך הלימוד קען זיך קיינער נישט ארויסדרייען פון צו לערנען יעדן טאג א בלאט גמרא, די הייליגע גמרא איז געגעבן געווארן פאר יעדן איינציגסטן איד אן קיין אויסנאם. ווי אויך האט דער ראש ישיבה גערעדט אז מ'זאל זיך מאכן כאטש איין שיעור צו לערנען דעם בלאט גמרא אינדערהיים, אז די ווייב און קינדער זאלן זען ווי דער טאטע לערנט, אז די ווענט פון שטוב זאלן זיך אנזאפן מיט די הייליגע תורה.

דער ראש ישיבה שליט"א האט אויך אויסגעטיילט א מתנה, א קליינע גמרה מסכת עירובין, פאר אלע משתתפים, דאס צו קענען מיטנעמען וואו אימער מ'געפונט זיך, און נישט אויסלאזן א טאג אן א בלאט גמרא.

אן איבעראשונג האט געכאפט דעם עולם ווען עס האט ארײנשפאצירט אין זאל דער באקאנטער וועלט בארימטער קאמפאזירער ר' יוסי גרין, זינגענדיג זיין ניגון "הדרן עלך מסכת שבת", ער האט זיך גלייך צוגעזעצט צום פיאנא און איבערגעגעבן זיינע הרגשים צו קענען מיטהאלטן דעם הערליכן מעמד. ווי אויך האט ער מיטגעברענגט מיט זיך זיין חבר ר' מושי קרויס פון "אידיש נחת".

פאר א לענגערע צייט האט ער מהנה געווען דעם עולם מיט'ן שפילן און זינגען זיינע הערליכע ניגונים, ר' יוסי האט אויך דערציילט איבער דעם קונטרס "סדר דרך הלימוד" פון מוהרא"ש, וואס ער האט געטראפן אין א שול מיט 38 יאר צוריק, און זייט דעמאלט איז אים נישט דורכגעגאנגען א טאג אן לערנען כאטש א בלאט גמרא.

<<<<<<


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יואל טייטלבוים** הי"ו

גבאי ביהמ"ד "היכל הקודש" קרית יואל [עצי תמרים]

צו די אפשערן פון זיין זון **אליעזר שלמה** נ"י למזל טוב

הפצת הגליון נתנדב

הבחור החשוב **שלמה יצחק שווארץ** הי"ו

לזיווג הגון בקרוב ולהצלחה בכל הענינים

## ווילסטו אפשניידן די פיאות?!

האסט אבער נישט די שטארקייט עס צו טון, דו ווייסט נישט ווי אזוי מ'טוט עס?

הערט א רייכע שיעור אין דעם נושא:

קול ברסלב

212-444-9191 5

## חיזוק צום טיר

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!

רופט ארײן מיט אייער פארלאנג צו

347-509-4908

מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**